**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/11/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 51 מיליאן דאלאר באשטעטיגט פאר ריינע וואסער סיסטעמען און לאקאלע טרונקען וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט**

***פארגעשלאגענע פארקויף פון באנדס אין סך הכל פון 572 מיליאן דאלאר וועט איינשפארן א געשאצטע 22 מיליאן דאלאר פאר ניו יארק סיטי יוטיליטיס קליענטן דורכן ריפייננענסען מערערע פארענדיגטע פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קארפארעשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) באורד אָוו דירעקטארס האט באשטעטיגט 51 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואס רעכענען אריין ביליגע הלוואות און גרענטס וועלכע זענען שוין אנאנסירט געווארן אין די פארגאנגענהייט. די באורד'ס באשלוסן אויטאריזירן די צוטריט פון לאקאלע רעגירונגען צו די געלטער וועלכע זענען נויטיג צו קענען פאראויס גיין מיט קריטישע וואסער און וואסער אפלויף אינפראסטרוקטור פראיעקטן, אריינרעכענענדיג ערזעצן רערן וואס זענען געמאכט פון בליי, רייניגונג פראצעדורן צו ארויסנעמען פארשידענע פארפעסטיגנדע כעמיקאלן פון טרונקען וואסער און אזוי אויך מאדערניזירונג פון פארעלטערטע סיסטעמען.

די באורד האט אויך באשטעטיגט א הלוואה אין די סומע פון $572,575,000 פאר די ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט ( New York City Municipal Water Finance Authority, NYCMWFA) וואס וועט ריפייננענסען קורץ-טערמיניגע הלוואות פאר 11 NYCMWFA אפלויף וואסער און טרונקען וואסער פראיעקטן און אזוי אויך צוריקצאלן פאריגע EFC באנדס וועלכע האבן פינאנצירט NYCMWFA פראיעקטן. עס איז געשאצט אז די צוריקגעצאלטע געלטער וועלן איינשפארן פאר ניו יארק סיטי יוטיליטיס קליענטן אומגעפער 22 מיליאן דאלאר איבער די קומענדיגע 10 יאר.

"ניו יארק איז פארפליכטעט צו גיבן פאר קאמיוניטיס די מיטלען וואס זענען נויטיג צו קענען מאדערניזירן וואסער סיסטעמען און פארבעסערן די קוואליטעט פון די וואסער," **האט גאווערנער האקול געזאגט**. "מיר זעצן פאר מיט אונזערע לאנד'ס-פירנדע ריינע-וואסער אינוועסטירונגען מיט 500 מיליאן דאלאר פאר ריינע וואסער אינפראסטרוקטור אין די היי-יאריגע בודזשעט, העלפנדיג באשיצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון אונזערע איינוואוינער, היטן אויף אונזער ענווייראמענט און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע וועלכע האבן צוטריט צו זיכערע, פארלעסליכע און ריינע וואסער."

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קארפארעשאפט פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט**, "די היינטיגע אנאנס איבער די צוריקצאלונגען ווייזט ארויס די EFC'ס קלוגע צוגאנג צו מאקסימיזירן מיטלען פאר וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען. די צוריקצאלונג וועט גיבן פארלייכטערונג מיט ריבית פאר איינס פון אונזערע גרעסטע בארגער. די EFC באדאנקט גאווערנער האקול פאר איר פארפליכטונג צו ריינע וואסער און פארן צושטעלן 425 מיליאן דאלאר פאר די EFC'ס קומענדיגע רונדע פון גרענט פינאנצירונג. די רונדע פון גרענט פינאנצירונג ווערט טיילווייז צוגעשטעלט

דורך דעם ענווייראמענטאלע באנד געזעץ (Environmental Bond Act) וואס איז באשטעטיגט געווארן דורך וויילער אין נאוועמבער 2022. מיר מוטיגן קאמיוניטיס מיט וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן צו אפלייען ביז די יולי 28 טערמין און זיך צו פארבינדן מיט אונזערע קאמיוניטי הילף מאנשאפטן (Community Assistance Teams) אויב זיי דארפן הילף."

**דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישאנער און EFC באורד פארזיצער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "באשיצן ניו יארק'ס וואסער קוואליטעט איז צווישן גאווערנער האקול'ס הויפט פריאריטעטן. אונטער איר פירערשאפט און מיט פארשטערקערטע שטיצע אין די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט פאר וואסער קוואליטעט פינאנצירונג, בלייבט ניו יארק פארפליכטעט צו אינוועסטירונגען אין פראיעקטן וועלכע פארבעסערן, פאררעכטן און ערזעצן קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור אריבער די סטעיט און צו באשיצן קאמיוניטיס פון פארפעסטיגונג וואס קען זיין שעדליך פאר די פובליק, די ענווייראמענט און אונזער עקאנאמיע."

**צייטווייליגער סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו ארויסהעלפן ניו יארקע קאמיוניטיס מיט מיטלען פאר נאכפאלגונג און אפהיטונג פון זייער טרונקען וואסער. די 51 מיליאן דאלאר וואס זענען באשטעטיגט געווארן דורך די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט וועלן ערלויבן לאקאלע רעגירונגען צו דורכפירן קריטישע מאדערניזירונגען צו זייערע טרונקען וואסער אינפראסטרוקטור און ווייטער צו באשיצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון זייערע איינוואוינער."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "ניו יארק זעצן פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד ווען עס קומט צו צושטעלן די גאר-נויטיגע געלטער צו העלפן מאכן די סטעיט'ס וואסער אינפראסטרוקטור מער אפאָרדעבעל פאר לאקאלע רעגירונגען. די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט'ס באשטעטיגונג פון 51 מיליאן דאלאר וועט גיבן פאר קאמיוניטיס די צוטריט צו מיטלען צו פארשטערקערן זייער שטאנדהאפטיגקייט, צו באקעמפן קלימאט טויש און אפפערן די פארגעשריטענסטע אינפראסטרוקטור צו ברענגען גרינע דזשאבס וועלכע וועלן העלפן שאפן ענווייראמענט-באפעסטיגטע קאמיוניטיס פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**באשטעטיגטע ריינע וואסער פראיעקט פינאנצירונג**

- **ניו יארק מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט און ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע באשיצונג (Department of Environmental Protection) -** $80,225,467 לאנג-טערמיניגע אויסגענוצטע הלוואות אין פארבינדונג צו די פאלגנדע פראיעקטן:

- וואָרדס איילענד וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פלענט: איבערבויאונג פון לעצטע פילטרירונג טאנק
- באָווערי בעי וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פלענט: פארבעסערונגען צו עלעקטריציטעט דראטן סיסטעם
- טאלמען איילענד וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פלענט: ערשטע שטאפל ביאלאגישע מאטעריאלן רייניגונג מאדערניזירונגען
- פארשידענע וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פלענטס: צולייגן קארבאן צו צווייטע שטאפל ביאלאגישע מאטעריאלן רייניגונג
- ראַקעוועי WWTP לעוועל 1 ביאלאגישע מאטעריאלן רייניגונג מאדערניזרונגען

- אינער האַרבאָר אויסגעמישטע סוער וואסער איבערפלוס אין גאָוואַנעס פאמפ סטאנציע און פלאָשינג טונעל איבערבויאונג
- קאָוני איילענד פארפעסטיגונג קאנטראל פלענט: ערזעצונג פון הויפט סוער פאמפס
- נאָרט ריווער וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פלענט: פראיעקט צו אויסנוצן היץ פון טרייב-קראפט און אריבערגיין צו עלעקטריציטעט
- קאָוני איילענד און נאָרט ריווער וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל פלענטס: רעדוקציע פון קלארין מאס

**באשטעטיגטע טרונקען וואסער פראיעקט פינאנצירונג**

- **עווריל פארק סענטראל סקול דיסטריקט, רענעסעלעיר קאונטי** - $90,000 WIIA גרענט צו אינסטאלירן 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' פילטערס פאר PFAS רייניגונג ביי די Algonquin מיטעלע סקול.
- **בעטפעידזש וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי** - 3 מיליאן דאלארדיגע WIIA גרענט צו אינסטאלירן אן 'אייאן עקסטשעינדזש' סיסטעם צו ארויסנעמען נייטרעיט און פערקלאָרעיט, און אינסטאלאציע פון א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור רייניגונג צו פילטרירן 1,4-dioxane.
- **היקסוויל וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי**

  - $8,927,400 WIIA גרענט צו אינסטאלירן פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור און 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעמען אין פלענט נומער 9 צו פילטרירן 1,4-dioxane, perfluorooctanoic acid (PFOA) און perfluorooctanesulfonic acid (PFOS).
  - $5,651,400 WIIA גרענט צו אינסטאלירן פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור און 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעמען אין פלענט נומער 5 צו פילטרירן 1,4-dioxane, PFOA און PFOS.

- **דעוועלאפעמנט אויטאריטעט פון די נארט קאנטרי, דזשעפערסאן קאונטי** - $12,485,771 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט פאר די ערזאץ פון בערך 13,000 פיס אין די לענג פון רערן און פארבינדענע חלקים.
- **סיטי אָוו קינגסטאן, אָלסטער קאונטי** - $16,420,000 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט און $3,000,000 WIIA גרענט צו איבערמאכן די קופער לעיק דאמבע און רעזערוואר און צו אויפבויען א נייע סטרוקטור צו האלטן וואסער און די רערן דערפאר.
- **ווילעדזש אָוו רעד הוק, דאָטשעס קאונטי** - $720,000 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט און $1,080,000 WIIA גרענט צו ארויסנעמען קוואל #4 פון באנוץ; ערזעצן אומגעפער 2,400 פיס אין די לענג פון וואסער רערן, היידרענטס און רערן וואס זענען געמאכט פון בליי אויף Graves און Cherry Streets; איבערמאכן די אינעוויינגסטע זייט פון די 225,000-גאלאן וואסער טורעם ביי די ענדע פון Tower Street; צולייגן א בוסטער פאמפ ביי די פלאץ וואו די ווילעדזש און טאון וואסער סיסטעמען קומען זיך צוזאם; און ערזעצן די קאנטראל סיסטעם ביי די וואסער רייניגונג איינריכטונג.
- **ניו יארק סיטי מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט און ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע באשיצונג**

  - $22,000,000 לאנג-טערמיניגע אויסגענוצטע הלוואה פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון די קראָטאן וואסער פילטרירונג פלענט און פארבינדענע איינריכטונגען

- $100,000,000 לאנג-טערמיניגע אויסגענוצטע הלוואה צו אויסגראבן און אויפבויען שעפטס B-117 און B-118 וואס זענען טייל פון די סיטי טונעל נומער 3, סטעידזש 2 אין קווינס.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט**
ניו יארק זעצט פאר צו פארגרעסערן אירע אינוועסטירונגען אין וואסער אינפראסטרוקטור. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול, רעכנט די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 אריין נאך 500 מיליאן דאלאר אין וואסער אינפראסטרוקטור פינאנצירונג, ברענגענדיג די סך הכל פון ניו יארק'ס וואסער אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג צו 5 ביליאן דאלאר זינט 2017. כדי צו אויסנוצן די אינוועסטירונגען און פארזיכערן אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט לאקאלע רעגירונגען, האט די גאווערנער פארגעשלאגן צו אויפשטעלן 'קאמיוניטי הילף מאנשאפטן' צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס פון פאראויס כדי צו אנקומען צו קליינע, דארפישע און שוואכערע קאמיוניטיס זיי צו העלפן באקומען פינאנציעלע הילף צו אדרעסירן זייערע ריינע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן. [די איניציאטיוו איז לעצטנס געעפנט געווארן](https://efc.ny.gov/CAT) און באגעגענישן צו ארבעטן מיט די קאמיוניטיס זענען אונטערוועגנס. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייערע וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן ווערט געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט די EFC אויף [efc.ny.gov/CAT](https://efc.ny.gov/CAT).

ווילער האבן באשטעטיגט דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' ( Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) אין נאוועמבער 2022, שטופנדיג פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו פארבעסערן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס; און פארזיכערן יושר און גלייכקייט דורכן אינוועסטירן צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון הילפס-מיטלען אין שוואכערע קאמיוניטיס. דורכאויס 'ערד וואך' האט גאווערנער האקול אנאנסירט די ערשטע געלטער פון דעם באנד געזעץ וואס צוזאמען מיט די עקזיסטירנדע סטעיט פינאנצירונג מקורות שטייען זייי אויף א סך הכל פון 425 מיליאן דאלאר ווערנדיג צוגעשטעלט אין סטעיט וואסער גרענט פינאנצירונג. אפליקאציעס מוזן אריינגעגעבן ווערן ביז יולי 28, און מער אינפארמאציע איז פארעפנטליכט אויף [https://efc.ny.gov/wiia](https://efc.ny.gov/wiia).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער[press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov)| 518.474.8418 |

זיך ארויסשרייבן